**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/15/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ריינע ענערגיע דזשאבס זענען אויף העכסטע שטאפל אין היסטאריע אין ניו יארק סטעיט**

***קאריערע געלעגנהייטן פון א הויכע קוואליטעט אין ריינע-ענערגיע אינדוסטריעס זענען פאר צו איבערשטייגן אלגעמיינע דזשאב וואוקס אריבער די סטעיט אזוי ווי ניו יארק יאגט אונטער באמיאונגען צו נאכקומען קלימאט ציהלן***

***בויט ארויף אויף סטעיט'ס פארפליכטונג אין דעם קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ צו פארזיכערן א יושר'דיגע און גערעכטע אריבערגאנג פאר אלע ניו יארקער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די צאל מענטשן מיט דזשאבס אין דעם פעלד פון ריינע ענערגיע אין ניו יארק סטעיט האט דערגרייכט א די העכסטע שטאפל אין די היסטאריע מיט א רעקארד-הויכע 171,000 ארבייטער ביים ענדע פון 2022, אפשפיגלנדיג די קאריערע געלעגנהייטן פון א הויכע קוואליטעט אין ריינע-ענערגיע אינדוסטריעס וואס זענען פאר צו איבערשטייגן די אלגעמיינע דזשאב וואוקס אריבער די סטעיט אזוי ווי ניו יארק יאגט אונטער אירע באמיאונגען צו נאכקומען אירע קלימאט ציהלן. די היינטיגע אנאנס בויט ארויף אויף די סטעיט'ס פארפליכטונג אין דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' (Climate Leadership and Community Protection Act, CLCPA) צו פארזיכערן א יושר'דיגע און גערעכטע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע פאר אלע ניו יארקער.

"די היי-יאריגע ריינע ענערגיע אינדוסטריע באריכט שטעלט פאר א פארשפרעכנדע בילד פון אונזער סטעיט'ס בליהענדע גרינע עקאנאמיע", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק'ס קאמיוניטיס בויען אויף ענווייראמענט-פריינטליכע וועגן צו הצלחה דורך ארבעטסקראפט אנטוויקלונג. די דזשאבס פון א הויכע קוואליטעט וואס קענען אויסהאלטן א פאמיליע וואס מיר זעהען אין די ריינע ענערגיע אינדוסטריע ברענגען געלעגנהייטן פאר וואוקס, און גלייכצייטיג אפפערן זיי א טשאנס צו האבן א באדייטפולע און פאזיטיווע השפעה אויף ניו יארק'ס קארבאן באנוץ."

די 2023 [ניו יארק ריינע ענערגיע אינדוסטריע באריכט](#) וואס איז היינט פארעפנטליכט געווארן דורך די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט (New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) גיבט איבער אינפארמאציע איבער די סטעיט'ס ריינע-ענערגיע אינדוסטריע ביז סוף 2022. די באריכט ווייזט אז ניו יארק'ס ריינע ענערגיע עקאנאמיע איז געוואקסן מיט 3.5 פראצענט פון 2021 ביז 2022, איבערשטייגנדיג די עקאנאמישע וואוקס אריבער די סטעיט וואס איז געווען 3 פראצענט און צולייגנדיג כמעט 30,000 דזשאבס זינט 2015, ווען NYSERDA האט צום ערשט אנגעהויבן האלטן חשבון פון ריינע-ענערגיע דזשאבס.

**נאך וויכטיגע געפינסן אין די היי-יאריגע באריכט רעכענען אריין:**

- ניו יארק האט געהאט כמעט 171,000 ריינע-ענערגיע ארבייטער ביים ענדע פון 2022, א העכערונג פון 5,800 דזשאבס זינט 2021.
- ריינע-ענערגיע דזשאב וואוקס איז פארגעקומען אין אלע טעכנאלאגישע פעלדער:
    - די פעלד פון אראפנעמען געביידעס פון קארבאן באנוץ און ענערגיע שפארזאמקייט האט צוגעלייגט איבער 2,000 דזשאבס, און עס איז געווען פאראנטווארטליך פאר 75 פראצענט פון אלע ריינע-ענערגיע דזשאבס אין 2022.
    - די פעלד פון ריינע און אלטערנאטיווע טראנספארטאציע מיטלען האט פארגעזעצט צו זעהן אויסערגעווענטליכע וואוקס, זיך איבערבייטערנדיג מיט כמעט 20 פראצענט – אדער 2,223 דזשאבס – אין בלויז צוועלף חודשים.
    - די פעלד פון מאדערניזירונג פון די עלעקטריציטעט גריד און ענערגיע סטאָרעדזש איז געוואקסן מיט 10 פראצענט, אדער 241 דזשאבס.
    - די פעלד פון עלעקטריציטעט אויפטרייבונג פון ריינע מקורות האט אויך געזעהן א 5 פראצענטיגע וואוקס, מיט איבער 1,200 נייע דזשאבס.

- ניו יארק'ס ריינע ענערגיע אינדוסטריע שטעלט אהער דזשאבס פון א הויכע קוואליטעט:

    - אין אנקעטעס פון עקזיסטירנדע ריינע-ענערגיע ארבייטער, האבן 88 פראצענט פון די וועלכע האבן געענטפערט באריכטעט אז זיי זענען צופרידן געווען מיט זייערע קאריערעס.
    - עקזיסטירנדע ארבייטער האבן אויך באריכטעט א הויכע צופרידנהייט מיט פעדערונג ביים ארבעט, זייער געהאלט, צוגאבליכע טרענירונג און דזשאב וואוקס געלעגנהייטן — א סימן פון שטארקע ריינע-ענערגיע קאריערע אנטוויקלונג מעגליכקייטן.

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "ניו יארק'ס איבערגעגעבנקייט צו ריינע ענערגיע קומט מיט טראנספארמאטיווע עקאנאמישע בענעפיטן, אריינרעכענענדיג ציהענדע, שיין-באצאלטע קאריערע געלעגנהייטן פאר טויזנטע ניו יארקער אריבער די סטעיט. די היי-יאריגע באריכט הייבט ווידעראמאל ארויס פאר אונז ווי קריטיש עס איז צו האלטן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אין פארנט פון די סטעיט'ס אריבערגאנג, נישט נאר צו צוגרייטן ארבייטער פאר די דזשאבס פון היינט און מארגן, נאר אויך צו האלטן די סטעיט זיך רוקנדיג פאראויס אין ריכטונג פון אונזערע קלימאט געזעץ ציהלן."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "די נייע באריכט לייגט קלארערהייט אויס וויאזוי דאס שטיצן ניו יארק סטעיט'ס גרינע עקאנאמיע שאפט דזשאבס און געלעגנהייטן. דורכן טרענירונג אונזער ארבעטסקראפט און אינוועסטירן אין אינדוסטריעס און פירמעס וועלכע קאנצענטרירן זיך אויף ריינע-ענערגיע טעכנאלאגיעס און לייזונגען, טוהען מיר בענעפיטירן די סביבה און צושטעלן אן ענווייראמענט-פריינטליכע צוקונפט פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט לעיבאר דעפארטמענט קאמישאנער, ראבערטאָ ריערדאן, האט געזאגט,** "די לעצטע ציפערן אין די באריכט זאגן עדות איבער ניו יארק סטעיט'ס אנטשיידענע איבערגעגעבנקייט צו שאפן א מער ענווייראמענט-פריינטליכע און גערעכטע צוקונפט. וואקסנדע באשעפטיגונג ציפערן אין די ריינע ענערגיע פעלד זענען נישט בלויז סטאטיסטיקס; נאר זיי שפיגלען אפ עכטע, ממשיות'דיגע פארשריט אין אונזער מיסיע צו באקעמפן קלימאט טויש. זיי שפיגלען אויך אפ אונזער איבערגעגעבנקייט צו פארזיכערן אז די נייע געלעגנהייטן זענען צוגענגליך פאר אלע ניו יארקער, און איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס אנגייענדע פארפליכטונג צו די באמיאונגען."

כדי צו פארשטערקערן די פלוס פון פעהיגע ארבייטער אין ניו יארק און כדי צו פארזיכערן א יושר'דיגע און גערעכטע אריבערגאנג צו אן עמיסיע-פרייע גריד, האט NYSERDA צוגעזאגט מער פון 170 מיליאן דאלאר פאר ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און טרענירונג אינציאטיוון. א וויכטיגע זאך איז אז NYSERDA גיבט פריאריטעט פאר טרענירונג פראגראמען פאר די סטעיט'ס מערסט באזייטיגטע באפעלקערונגען, מיט אומגעפער 40 פראצענט פון פינאנצירונג גייענדיג פאר אינציאטיוון וואס באדינען מענטשן מיט נידעריגע איינקונפט, וועטעראנען, דיסעיבעלד ארבייטער, איינצלנע עלטערן, געוועזענע ארעסטאנטן און מענטשן פון שוואכערע קאמיוניטיס. די פראגראמען העלפן אויך אריינברענגען מענטשן וואס האבן געארבעט מיט פאַסיל ברענשטאף אריין אין די ריינע-ענערגיע אינדוסטריע. NYSERDA פינאנצירט אויך עטליכע אונטערנעמונגען צו באקאנט מאכן שילער אין קינדערגארטן-ביז-12'טע קלאס סקולס און צו טרענירן לערער איבער ריינע-ענערגיע קאריערע געלעגנהייטן.

אלס טייל פון אירע פארפליכטונגען, שטיצן NYSERDA'ס ארבעטסקראפט אנטוויקלונג באמיאונגען אזעלכע פראגראמען צו אוועקשטעלן א קאריערע, צושטעלנדיג בילדונג, טרענירונג און סערוויסעס צו העלפן פלאצירן נייע ארבייטער אריין אין ריינע-ענערגיע פאסטנס, ווי צום ביישפיל אין שפארזאמע הייצונג, ווענטילאציע און עיר קאנדישענינג (heating, ventilation, and air conditioning, HVAC), אריבערפירן געביידעס צו עלעקטריציטעט באנוץ, ענערגיע שפארזאמקייט און ים ווינט ענערגיע, און אזוי אויך פראגראמען צו פארבעסערן די סקילס פון עקזיסטירנדע ארבייטער און זיי אויסלערנען נייע סקילס פאר ריינע-ענערגיע דזשאבס. NYSERDA האט שוין פארטיילט אומגעפער 80 מיליאן דאלאר צו שטיצן וויכטיגע שותפות'ן מיט לעיבאר ארגאניזאציעס, קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן, נאָנ-פראפיט ארגאניזאציעס, מעניופעקטשורערס, אינדוסטריע אסאָסיעישענס און אנדערע, כדי צו זיכער מאכן אז ארבייטער ווערן טרענירט מיט ווייטערע טרענירונג קלאסן, סערטיפיקאט פראגראמען, דעגרי פראגראמען, אינטערנשיפּס, אפרענטיסשיפּס און טרענירונגען אויף די דזשאב. די באמיאונגען וועלן העלפן טרענירן און אנגרייטן מער פון 40,000 ניו יארקער פאר וואקסנדע ריינע ענערגיע דזשאב געלעגנהייטן און צו ארויסהעלפן ריינע-ענערגיע ביזנעסער ביים רעקרוטירן, אויפנעמען און טרענירן ארבייטער. ביז היינט זענען שוין דא איבער 32,000 נייע און עקזיסטירנדע ארבייטער וואס זענען טרענירט געווארן אדער ווערן יעצט טרענירט. פאר מער אינפארמאציע איבער וויאזוי NYSERDA שטופט פאראויס א שטאנדהאפטיגע ריינע-ענערגיע ארבעטסקראפט, זעהט ביטע NYSERDA'ס [וועבזייטל](#).

כדי צו פארמערן די באקאנטשאפט מיט דעם נושא, האט NYSERDA אויך געשטיצט א נייע דאקומענטארישע סעריע געמאכט דורך Roadtrip Nation מיט די נאמען "[Empowered State](#)" (באפולמעכטיגטע סטעיט), ארויסווייזנדיג ניו יארק סטעיט'ס שפע פון ריינע-ענערגיע ערפינדונגען און גרינע דזשאב געלעגנהייטן, נאכפאלגנדיג דריי יונגע ערוואקסענע וועלכע פארן אריבער די עמפייער סטעיט צו זעהן די באגייסטערנדע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע וואס איז שוין אונטערוועבנס און די באדייטפולע ריינע-ענערגיע קאריערעס וואס טרייבן דאס. די סעריע הייבט ארויס די השפעה פון ניו יארק'ס קלימאט געזעץ ציהלן מיטן ווייזן וויאזוי א ריינע-ענערגיע עקאנאמיע פירט צו נייע געלעגנהייטן פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג אריבער די סטעיט און וויאזוי עס שטיצט לאנג-טערמיניגע דזשאבס אין אלע פעלדער.

**סטעיט סענאטאר קעווין פארקער האט געזאגט,** "א שליסל צו בויען די ריינע-ענערגיע עקאנאמיע און אדרעסירן קלימאט טויש ווירקונגען איז צו אנטוויקלען די פעהיגע ארבעטסקראפט צו אויפבויען, אפערירן און אויפהאלטן די אינפראסטרוקטור וואס פעהלט זיך אויס צו נאכקומען אונזערע ציהלן. די באריכט ווייזט אז אונזער ארבעט העלפט שאפן נייע דזשאב געלעגנהייטן אין די פעלד פון ריינע ענערגיע, און אז עס העלפט מקיים זיין די CLCPA צוזאג צו טרענירן ניו יארקער אין באזייטיגטע קאמיוניטיס און ברענגט נייע וועגן צו קאריערעס."

**סטעיט סענאטארשע דזשעסיקע ראַמאָוס, פארזיצערין פון די סענאט לעיבאר קאמיטע, האט געזאגט,** "די דזשאב ציפערן ווייזן אויף אז קלימאט דזשאבס זענען אונזער עקאנאמיע'ס צוקונפט. איך בין שטאלץ מיט די לעיבאר קאמיטע'ס ארבעט צו פארזיכערן פרי-אפרענטיסשיפ און אפרענטיסשיפ פינאנצירונג כדי מיר זאלן קענען פארזעצן צו אנגרייטן יונגע מענטשן פאר א קלימאט עקאנאמיע פון די 21'סטע יאר הונדערט. די ציפערן טוהען בלויז פארשטערקערן מיין אנטשלאסנקייט צו אנהאלטן די שוואונג אין די בעפארשטייענדע בודזשעט יאר."

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו ערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע טייל פון די איבערגאנג איז ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער $55 ביליאן אין 145 גרויסארטיגע באנייבארע און טראנסמיסיע פראיעקטן איבער'ן סטעיט, $6.8 ביליאן צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, $3.3 ביליאן צו פארגרעסערן די מאס פון זון-ענערגיע, מער פון $1 ביליאן פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון, און איבער $2 ביליאן אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן